# דער סוד פון געדענקען און פאַרגעסן

רויכערען רופט אַרויס; און אַז געדענקען זאָל מען נאָר זייערע אַנלאָקענדיקע אַנאָנסען צום רויכערן: שיינע פרויען... רחבות'דיגע פעלדער... פערד־רייטערס... בלויע ים'ען און — פאַררויכערט אַ געשמאַקען סיגאַרעט. אַלע זינגעוודיגע אַנאָנסען זענען אויסגעאַרבעט איינצוקריצען אין קאָפּ און צו רייצען דעם יצר הרע — „רויכערט, ס'איז אַ פאַרגעניגען!"

קוים, אָבער, האָט די רעגירונג באַוויזען כאָטש אויסקעמפען, אַז מען זאָל וואָרענען דעם קויפער פון סיגאַרעטען וועגען דער געפאַר פון רויכערען אין שריפט אויף דעם פעקעל, האָבען די טאַבאַק־פאַבריקאַנטען שוין אויסגעגעבען הונדערטער מאָל מער ווי פריער צו באַקעמפען די שריט.

איצט האָט די פעדעראַלע קאָמרניקאַציע קאָמיסיע אַרויסגעגעבען אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע טעלעוויזיע און ראַדיאָ־סטאַנציעס, וואָס רעקלאַמירען סיגאַרעטען, זאָלען ווי אַ צוגאָב צום קורצען אַנאָנס, אָדער אין גאַנצע פראָגראַמען, צי נייעס באַריכטען לאָזען וויסען דעם זעלבען עולם וועגען דער מעגלעכער סכנה פון רויכערען סיגאַרעטען; און אַז קעגנערס פון רויכערען זאָלען קריגען פונקט אַזויפיל צייט בחינם.

איז באַלד אויף צומאָרגענס אַרויסגעקומען אַ פאָרשטייער פון דער טאַבאַק־אינדוסטריע און שאַרף פראָטעסטירט קעגן צולאָזן אָפּאָנענטען זאָלען, אָן אַ גראָשען געלט, מעגען זאָגען וואָס זיי ווייסען און וועגען דער שעדלעכקייט פון רויכערען. „ס'איז אַ סכנה, אַז פרייהייט פון פרעסע און רעדע פרייהייט, אָדער אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט'ן טאָג־טעגליכען לעבען, קען בטל ווערען" — האָט דער טאַבאַק־אינדוסטריע פאָרשטייער געזאָגט און דערביי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ לאָגישען אויספיר:

„פאַרגאַנגענע סוף־וואָך זענען אַרום 500 מענטשען אומגעקומען אויף די הויפּטוועגען פון לאַנד. ס'קען גרייליך געמאָלט זיין, אַז מיט דער צייט וועלן פירמעס, וואָס נעמען אָן אויטאָ־אַנאָנסען זאָלען מוזען איבערגעבען מאַטעריאַלען וואָס זענען קעגען דער אויטאָ־אינדוסטריע".

ער האָט בלויז פאַרגעסען אויפצודעקען דעם אמת: ער וויל, אַז דער קאָנסומער זאָל פאַרגעסען וועגען די אויטאָ־אומגליקען, וואָס וואָלטען לרוב געקענט פאַרמיטען ווערען, ווען מען זאָל אויפבויען מער זיכערע אויטאָמאָבילען, פונקט ווי מען וואָלט געקענט פאַרהיטען אַזוי פיל מענטשען זאָלען נישט שטאַרבען פון לונגען קענסער און אַנדערע תולאת'ן, וואָס רויכערען טאַבאַק פראָדוקטען רופט אַרויס. פאַר וואָס נישט פאַרהיטען מענטשען פון דער ביטערער געוואוינהייט — רויכערען, אויב מען האָט נאָך נישט געפונען קיין אומשעדליכען טאַבאַק־פראָדוקט?

און ווידער ווערען דאָ אויפגעשפּילט ביידע פאַקטאָרען: געדענקען און פאַרגעסן.

די אינדוסטריע פאָרשטייער ווילען, אַז דער עולם זאָל פאַרגעסען וועגען דעם שאָדען, וואָס זייערע פראָדוקטען ברענגען, אויב זיי ווערען נישט געמאַכט ווי מען דאַרף און ווילען, אַז עולם זאָל געדענקען פרעסע און רעדע־פרייהייט, וואָס איז כלומר'שט באַדראָעט, ווייל דער וואָס רעדט קעגען זייערע פראָדוקטען און דעקט אויף די פאַקטען, ברענגט זיי שאָדען — גענוי דאָס זעלבע וואָס זיי טוען, נאָר זיי טוען עס מיט צענדליגער און הונדערטער מיליאָנען מענטשען; און דער קעגנער, אויב ער ברענגט שאָדען, ליידט פון דעם אַ קליין הייפּל אונטערנעמער. אפילו דער קעגנער וויל דאָך אַ גוטען פראָדוקט. אָבער דאָס ווילען זיי שוין נישט געדענקען, ווייל עס לוינט זיך ניט...

